פאפולערע שזארגאן ביבלאטהעק·

פערלאג ל. עפעל, ווילנא.

סלמנדרא

פערפאסט פון יהושע מזח·

ווילנא

דרוק ש. פ. גארבער.

תרס"ח

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

484

Саламандра.

Соч. О. Х. Мейзаха.

ВИЛЬНА. 1908.

Вильна, Типогр. Ф. Гарбера Завальн. ул. № 25

א.

אַזוי גוט ווי אַפּאָרעדע.

די גרונד „עלעמענטען" פון דער וועלט זענען פאַראַן פיער „ערד", „פייער" „וואַססער" „לופט".

מיר זאָגען ווילינס די „גרונד" עלעמענטען, ווייל פיל נאַטור-פאָרשער זאָגען היינט: אַז די וועלט איז געבויט פון זעהער פיל יסודות נור אַלע יסודות זענען אין כלל פון די פיער וואָס מיר האָבען גערעכנט.

פון דריי יסודות זעהען מיר די ברואים. צ. ב. פון ערד איז דער מענש בעשאַפען און פיל לעבעדיגע באַשאָפּניש קומען פון דער ערד; וואַססער באַשאָפּניש זעהען מיר אויך פערשידענע פיש; אין די לופט ווערען געבאָרען זעהער פיל לעבעדיגע ברואים, פאַר וואָס זאָלען מיר ניט גלויבען אַז אין פייער לעבען אויך באַשאָפּניש;

אונזערע אַלטע גרויסע חכמים וואָס האָבען געהאַט אַגרויסע ידיעה אין נאַטורוויססענשאַפט ערצעהלען דאָס די „סלמנדרא" ווערט פון פייער געבאָרען און ווער עס שמירט זיך מיט איהר קאָן דער פייער איהם ניט ברענען *) רש"י זאָגט: די חיה ווערט פון פייער געבאָרען ווען אויף איין אָרט זאָל ברענען זיבען יאָהר אָהן אויפהער. (חיה הנבראת מן האור כשבוערין אש במקום אחד שבע שנים תמיד בלי הפסק).

אויך אין חולין דף קכ"ז ריידען אונזערע חכמים פון דעם סלמנדרא וואָס ווערט געבאָרען פון פייער.

רבי עקיבא דער גרויסער נאַטורפאָרשער זאָגט (חולין) יש לך בריות גדולות באור, ד. ה. עס זענען פאַראַן גרויסע באַשאָפּנים אין פייער, זאָגט רש"י: סלמנדרא.

---

*) דער לשון פון גמרא איז אזוי: סלמנדרא תולדות אש. הסך מדמה אין אור שולטות בו. (חגיגה כ"ז).

(סלמנדרא)

פיל פארצייטיגע גרויסע בארימהטע חכמים האבען גערעדט פון די וואונדערליכע באשאפנים וואס ווערט געבארען פון פייער, אויך היינטיגע נאטורפארשער לייגנען ניט אב דעם פאקט, נור זיי זאגען אז די סלמנדרא איז ניט איינע, אזוי ווי די נאטור האט יעדען באשאפנים געטהיילט אין פיל פערשידענע מינים, אזוי האט זי איינגעטהיילט די סלמנדרא אויך אין פיל פערשידענע מינים, עס זענען פאראן מינים פון סלמנדרא וואס מיר ווייסען ניט. די נאטורפארשער אליין זענען נאך ניט געקומען צו די מדרגה פון די גאנצע נאטור צו וויסען, נור וויפיל זיי ווייסען האבען זיי ריכטיג קלאהר און דייטליך בעשריבען און מיר וועלען זייערע רייד איבער־זעטצען פאר אונזערע לעזער, כדי פאפולער צו מאכען פיל פערשידענע וויססענשאפטען, דאדורך וועלען פיל מודה זיין הגם זיי האבען ביז היינט ניט געגלויבט—דאס אזעלכע גרויסע וואונ־דערליכע „איבערנאטירליכע" געגענשטענדע קאן לויט נאטור אליין ניט בעשאפען ווערען, געוויס אהן אשום ספק איז פאראן אגרויסער שאפער וואס אויף איהם זאגען מיר: אין חקר לתבונתו.

מיר פארזיכערן אונזערע לעזער אז אויסער די פארערע וועלען מיר אונזערע גאר נישט צוגעבען, נור געהן טריט ביי טריט מיט די גרויסע נאטורפארשער.

~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~

ב.

דער סלמנדרא (Salamandra) איז א שרץ (קריעכטיער) וואס זעהט אויס ווי א „עקסע", זיין הויט אויף דעם גאנצען קערפער איז גלאט אהן האאר, אהן שופפען, ער האט פיער קורצע פיס, מיט אלאנגען עק, אויף די אויגען זענען פאראן ברעמען.

אז ער ווערט עלטער, פאלקאמענע יאהרען, ווערט ביי איהם דער עק קאילעכדיג, און אויף דעם קערפער ווערען קליינע רונדע פלעקען און אמאל מיט פיל בראדעווקעס.

דער מין „ערדזאלאמאנדער" וואס אנדערע רופען איהם
~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~

מיט דעם נאָמען „ערדמלאך" אין די יונגע יאָהרען איז דער עק פלאַטציג נאָכדעם אַז ער ווערט אַלטער ווערט דער עק רונד (קיילעכדיג).

די אַללע וואָס רוהען אין אונזערע לאַנדער האָבען גרויסע שפּאַלטען הינטער די אויערן.

אויף זייערע פאָדערשטע פיס האָבען זיי צופיער פינגער.

עס איז פאַראַן אמין וואָס ווערט גערופען „פייערזאַלאַמאַנדער" אָדער: „פייער מאלך". דער סלמנדראָ זעהט אויס שווארץ מיט דונקעלברוינע פלעקען מיט שטריכלעך, זיין לאַנג איז אשפּאַן.

דער פייער מאלך איז שטאַרק בעוואוסט דורך דעם וואָס פון פאַרצייטען ביז היינט ערצעהלען מענשען פון איהם וואונדערליכע ספּורים.

אונזערע גרויסע חכמים ערצעהלען דאָס די מוטטער פון קאָניג חזקיהו האָט איהם קליינערהייט אויסגעשמירט מיט בלוט פון אסלמנדרא, איהם זאָל קיין פייער קאָנען ברענען, ווען ניט וואָלט זיין פאָטער איהם פאַרברענט צו זיין „עבודה זרה" (סנהדרין ס"ג).

די פאַרצייטיגע „גריכען" און „רוימער" האָבען איהם גערעכנט פאַר דעם גראָסטען משחית (פאַרדאָרבער) פון אַלע גיפטיגע משחיתים.

דער פאַרצייטיגער בעוואוסטער מחבר „פליניוס" שרייבט אין זיין ווערק וועגען דעם פייערזאַלאַמאַנדער דיזע ווערטער:

דער סלמנדרא איז קאַלט ווי אייז, אַז ער ריהרט זיך אָן אָן אברענענדע זאַך פאַרלעשט זיך באַלד, ווען איינער זאָל זיך אָנריהרען אָן זיינע פליסיגקייט וואָס געהט איהם אַרוים פון מויל, פאַרליהרט יענער באַלד זיינע האָר, און זיין פלייש ווערט ווי פאַרפוילט.

ג.

דער זעלביגער פליניוס שרייבט אין אַן אַנדער אָרט די ווערטער: דער סלמנדרא איז דער גרעסטער אכזר (אונערבאַר־מיגער) פון אַלע גיפטיגע באַשאַפניש, דען זיי הרגנען איינצעלנע

(סלמנדראָ)

מענשען און ער פארניכטעט גרויסע פאלקער, ווען זיי ווייסען ניט ווי זיך צו היטען פאר איהם.

אז ער געהט ארויף הויך אויף א בוים וואס וואכסט פרוכט, ווערט דער גאנצער בוים מיט די פרוכט פערגיפטעט, דער וואס עסט פון די פרוכט שאי א מענש אדער אנ׳אנדער באשאפניש ווערט קאלט ווי א שטיק אייז און שטארבט.

פון דעם בוים זאל א בעקער הייצען מיט זיינע האלץ און באקען נאכדעם ברויט, ווערט די ברויט פערגיפטעט און ווער עס עסט די ברויט שטארבט.

ווען ער פאלט אריין אין א ברונען, ווערט דאס וואסער פארגיפטעט, ווער עס טרינקט דאס וואסער אדער ער וואשט זיך דערמיט ווערט געפעהרליך.

מערקווירדיג איז צו זעהען דאס דער חזיר (שוויין) עסט איהם אהן שרעק און עס שאדעט איהם גאר ניט. ער פארשלינגט איהם לעבעדיגערהייט.

אין הקר לרוח האדם, עס איז צו בעוואונדערן ווי די מענשען אפילו די גרויסע געלעהרטע און נאטור־פארשער, זאגען אלע ניט איין זאך גלייך, זאגט איינער „רעכטס״ זאגט דער צווייטער „לינקס״, זאגט איינער „ביטער״ זאגט דער צווייטער „זיס״, דאכט זיך די סלמנדרא איז בעוואוסט שוין טויזענדע יאהרען און די נאטור־פארשער האבען געהאט גענוג געלעגענהייט צו פרובירען זעהען, און אלע נאטור־פארשער האבען געברויכט זאגען ווענען א לעבע־דיגע באשאפניש איין זאך, אבער צו אונזער בעוואונדערונג זאגט איינער פארקעהרט ווי דער צווייטער, וואס פליניוס שרייבט, ווייסען שוין די לעזער ווי מיר האבען פריהר געזאגט, יעטצט וועלען מיר הארען וואס זאגט דער באריהמטער געלעהרטער „סעקסטיוס״ ער שרייבט אין זיין ספר דיזע ווארטער דעם סאלא־מאנדרא זאל מען אפהאקען דעם קאפ און די פיס, ארויסנעהמען די אינערליכע פון זיין בויך, נאכדעם זאל זיין קארפער אריינגע־

לעגט ווערען אין האניק, וועלכער מענש עס וועט נאכדעם עסען פון זיין פלייש, וועט זיך ביי איהם שטארקען די „ליידענשאפט" (Плотское вожделыніе, похоть страсть)․ נור אז מיט דעם סלמנדרא זאל געלאשען ווערען א פייער דאס גלויבע איך ניט.

ד.

פון יענער צייט וואס פליניוס האט געשריבען וועגען דעם סלמנדרא ביז היינטיגען טאג, זענען פאראן פיל געלעהרטע וויסענ־שאפטליכע גרויסע וויכטיגע מענשען וואס גלויבען אין זיינע רייד, וואס ער האט געזאגט און געשריבען אין זיין ספר.

אין יעדען דור האבען די מענשען געגלויבט דאס דער סלמנדרא איז זעהער אונערבארמליך, זיין נאמען ווארפט א שרעק אויף די גראסטע העלרען.

די רוימישע געזעטץ געבער האבען געשריבען אין זייערע געזעץ־ביכער אזא דין: ווען איינער גיבט דעם צווייטען דאס פלייש פון סלמנדרא צו עסען איז אקוראד ווי ער וואלט יענעם הרגנען,

ענדע דעם פערגאנגענעם יאהר הונדערט האט א פרוי גע־וואלט טאטען איהר מאן, זי האט פון אלע מיטלען געפונען דעם בעסטען מיטעל איהם צו געבען עסען דאס פלייש פון א סלמנדרא.

צו די מעשה איז א לעגענדע אדער א פאקט וואס האט גע־טראפען דאס ווייס מען ניט, נור אין דעם איז פאראן א מחלוקה צווישען די נאטור־פארשער, איינער זאגט דאס דער מיטעל האט איהר געהאלפען פריי צו ווערען פון איהם... און איינער זאגט דאס דער מאן האט דאס פלייש געגעסען ביז זאטט און איהם האט ניט געשאט. א דריטער נאטור־פארשער זאגט: אז דער מאן האט פארשטאנען אז דאס פלייש איז פון א סלמנדרא האט ער ניט געגעסען נור ער האט געצוואונגען זיין פרוי דאס זי זאל עסען און זי נעבעך האט געמוזט עסען, הגם זי האט געוויס געוואוסט אז דורך דעם וועט ער פון איהר פטור ווערען...

עֶס זֶענֶען פֿאַראַן מֶענשֶׁען וואָס האָבֶּען לִיבּ צוּ מאַכֶען גאָלְד דוּרךְ אַזאַ פלאַן: זַייִ נעֶהמֶען אַ לֶעבֶּעדִיגֶע סלמנדרא לֶעגֶען אִיהם אִין אַנ'אַייזֶערנֶע קאַסטֶען אַרַיין, דעֶר קאַסטֶען אִיז מִיט קלֵיינֶע לאָכֶער עֶר זאָל נִיט קאָנֶען פוּן דאָרטֶען אַנטלוֹיפֶען, דעֶם אַייזֶער־נעֶם קעֶסטעֶל שטעֶלֶען זַייִ אוֹיף אַ גרוֹיסֶען פַייעֶר כּדי דעֶר סלמנדרא אָל פֿאַרבּרעֶנט ווערֶען נאָכדעֶם גִיסֶען זַייִ, אוֹיף אִיהם קוועֶק זִילבּעֶר, געֶוויִס וואָלטֶען זַייִ געֶפּטרת פִיל סלמנדרוֹאָס, נוּר דעֶר גלִיק זַייְנעֶר אִיז וואָס פִיעֶל מעֶנשֶׁען האָבֶּען מוֹרא אִיהם אָנצוּרִיהרֶען ווַייל עֶר אִיז גִיפְטִיג.

ה.

אִין רוֹים ווֶען עֶס האָט געֶטראָפֶען אַ שׂרפה אִין שטאָדט, פלעֶגט דאָס פאָלק האַפֶּען אַ סלמנדרא אוּן אִיהם אַרַיינוואַרפֶען אִין פייעֶר עֶר זאָל פאַרלעֶשֶׁען.

ווען אֵיינעֶר האָט פוּן זַייִ געֶלאַכט פאַר וואָס זַייִ טהוּעֶן דאָס, עֶר האָט געֶזאָגט אַז דעֶר סלמנדרא קאָן נִיט אָפּלעֶשֶׁען דאָס פַייעֶר, האָבֶען זַייִ אִיהם געֶוואָלט פֶערוואַרפֶען מִיט שטֵיינעֶר, זַייִ האָבֶען אוֹיף אִיהם געֶשרִיעֶן אוּן נעֶפרעֶגט ווִי אַזוֹי האָט עֶר אַזאַ דרַייסט פוּן זַייִ צוּ לאַכֶען.

דעֶר האָכ־געֶלעֶהרטעֶר „שעֶפּפֶערס" האָט שטאַרק געֶשִׁימפפט דִי מעֶנשֶׁען וואָס זאָגֶען אַז דעֶר סלמנדרא קאָן נִיט אָפּלעֶשֶׁען אַ פַייעֶר, עֶר האָט געֶשרִיבּעֶן דִי וואָרטעֶר: דעֶר מעֶנש וואָס גלוֹיבּט נִיט אִין סלמנדרא אַז עֶר לאָשט פַייעֶר, דעֶר מעֶנש אִיז אוּנווִיסעֶנד עֶר האָט קֵיין ידיעה אִין דִי נאַטוּר, עֶר דאַרף לעֶרנֶען פִיעֶל ווֶעט עֶר ווִיסֶען אוּן גלוֹיבּעֶן אַז דאָס אִיז רִיכטִיג.

דעֶר פַייעֶר־סלמנדאָר רוּהט אִין אַלעֶ לאֶנדעֶר פוּן אֵייראָפּאַ, אוֹיךְ אִין אַפרִיקא פוּן צפוֹן זַייט וואָס גרעֶנעֶצט זִיךְ מִיט מערִיב אוּן אִין פִיעֶל לעֶנדעֶר פוּן אַזִיעֶ, עֶר האָט לִיעֶבּ אַנ'אָרט וואָס אִיז

דונקעל און פּײַכט ווי צום בײַשפּיל אין א טיפען טהאָל אָדער אין א געדיכטען וואלד וואס די בוימער פאַרשטעלען די זונן.

אין וואלד גראָבט ער אוים א היֵיל אונטער די וואָרצלען פון א בוים, אָדער אונטער א שטיין, און דאָרט רוהט ער זיך אוים די גאַנצע צײַט וואָס ער ברויך ניט זוכען זײַנע שפּײַז.

ער שעמט זיך ניט אַרײַנצוקריכען אין א פרעמדע וואָהנונג, וואָס אַן־אַנדער קריכענדע טהיער האָט פאַר זיך געגראָבען מיט גרוים מיה.

ווען דער אַלטער ווירטה איז שטאַרקער פאַר איהם טרײַבט ער איהם אַרוים מיט גרויסע בזיונות, נור אַז ער איז שטאַרקער פאַר דעם ווירטה, טרײַבט ער דעם ווירטה אַרוים, אויב זיי האָבען גלײַכע קראָפטע בלײַבען זיי ביידע וואָהנען אין די וואָהנונג, און אויב פאַר ביידען איז ענג די לאָך, זעגען זיי מקיים דאָס וואָס די וועלט זאָגט: ווען עס איז ענג דער טרעט אָפּ...

עס טרעפט אַ מאָל דאָס עס ווערט בײַ זיי ביידען אַ מלחמה, זיי ווערען ביידע מיד פאַרמאַטערט, דערנסטמאָל אַנטלויפען זיי ביידע אויף אַ מאָל פון היֵיל, ווײַל זיי האָבען מורא איינער פאַר דעם אַנדערן, די מורא קומט דערפון, יעדער בײַ זיך ווייסט אַז ער איז מיד, מיינט ער אַז יענער איז שטאַרק און ער וועט איהם בעפאַלען, דאַרום אַנטלויפען זיי ביידע פון געפערליכען אָרט.

ו.

ווי מיר האָבען פריהער געזאָגט, האָט דער „פּײַערזאַלאַמאַנדער“ ליב פּײַכטע אָרטער, ווען עס איז וואַרעם און טרוקען, טריקענט שנעל אוים זײַן פּײַכקייט, אָדער ווען אַלאַנגע צײַט רעגענט ניט, אַפילו ניט מעהר ווי עטליכע טאָג, ווערט ער זעהער שלאַף און מאָגער.

די פּײַכטקייט פון טוי ברענגען איהם וועניג נוטצען, ער באַגנוגענד זיך ניט דערמיט.

(סלמנדרא)

ווען עס רעגענט ווערט ער פריש, געזונד, מונטער, פראהליך, פעט, ער פילט זיך גליקליך, עס קומט איהם צו פרישע קראפטע ער ווערט לעבעדיגער!

אויף דער ערד געהט ער לאנגזאם. אין וואססער שווימט ער זעהער שנעל, זיין עק איז ביי איהם ווי ארודער.

זיינע פייאינקייטען זענען גאר קליין. ער איז זעהער נארעש, האט אין זיך קיין אינקסטינקט ווי אנדערע לעבעדיגע.

עס טרעפט אמאל דאס ער זיטצט צוזאמען מיט פיל חברים. אבער זיי טראכטען גאר נישט, קיינער זארגט ניט פאר דעם אנדערן.

ווען זיי ווערען הונגעריג שלינגט די שטארקערע איין די שוואכערע, די גרעסערע די קלענערע.

דער זכר מיט די נקבה קומען צוזאמען נור אין די ליבע צייט... און קוים האבען זיי ערפילט זייערע ליידענשאפט.. שיידען זיי זיך פונאנדער.

אויסער ליידענשאפט טרעפט אמאל אז זיי קומען צוזאמען דורך אצופאל, זיי געפינען איין הייל פאר ביידען צו וואהנען.

דער סלמנדרא פאנג דעם גארטענשנעקקען און ווערם און נאך אזעלכע קריכענדע און דערמיט זאטטיגט ער זיין הונגער.

ווי אזוי דער סלמנדרא ווערט געבארען, ווייסען נאך ניט די נאטורפארשער, און אהן זיי ווייסען מיר געוויס ניט צו ערצהלען אונזערע לעזער.

אין יענעם אויגענבליק ווען זיי קומען צוזאמען... לויפען זיי פריהער אין וואסער, זיי קומען ניט צוזאמען ווי אלע לעבעדיגע באשאפנים נור גאנץ אנדערס, עק צו עק און אמאל לאזט דער זכר ארויס זיין נאטור אין וואססער און די נקבה נעהמט עס אריין אין זיך, נור ניט דורכ'ן טויל... נאכדעם פאנגט זי אן צו לעגען אייערן.

(סלמנדרא)

ז.

עס איז פֿאַראַן סודות אין דער נאַטור, דאָס הייסט די געלעהרטע און נאַטורפֿאָרשער האָבען דאָס נאָך ניט גוט און ריכטיג ערקלעהרט. זיי ווייסען ניט קלאָהר די סבה פֿון דער זאַך הגם זיי זעהען עס טהוט זיך...

איינע פֿון די סודות איז ווי די מאַדאַם סלמנדרא געבאָרט אָפֿטמאָל איהרע קינדער גאָר אָהן פֿאָרבערייטונג פֿון מאַן, זי בעראַהט זיך מיט איהם גאָר ניט...

עס טרעפֿט דאָס אַנקבה איז ווייט פֿון איהר מאַן פֿינף חדשים און זי האָט נאָכדעם האַרטע אייער וואָס לויט נאַטור דאַרף ניט געדויערן פֿינף מאָנאַט עס זאָלען די אייער פֿאַרטיג ווערען.

נאָך מעהר וואונדער האָבען די נאַטורפֿאָרשער באַמערקט דאָס נאָך אַזאַ געבאָרען, טרעפֿט אָפֿט אַז זי געבאָרט אַצווייטען מאָל און אַדריטען מאָל א. ז. וו.

עס זענען זאָגאַר פֿאַראַן אַזעלכע נקבות וואָס קוים האָבען זיי געבאָרען אייער דורך זייער מאַנס געהילף, הערען זיי ניט אויף צו לעגען די אייער, שטענדיג אָהן אויפֿהער.

די מאַדאַם סלמנדרא געבאָרט פֿיל קינדער אויף אַמאָל, דאָס רוב געבאָרט זי פֿון דרייסיג ביז פֿופֿציג קינדער אויף איין מאָל אָדער אין אַצייט פֿון צוויי טאָג איינעם נאָך דעם אַנדערן.

כמעט זענען אַלע קינדער גלייך אין די גרויס און פֿאָלקאָמענהייט.

זעהר זעלטען טרעפֿט ווען זי איז אין געפֿענגניס געבאָרט זי לעבעדיגע קינדער און אייער אויף אַמאָל.

ביי דעם נאַטורפֿאָרשער „ערבער" צו הויזע איז געווען אַפּאָאָר פֿאָלק פֿון דעם זאָרט סלמנדרא, זיי פֿלעגען אין שטייג לעבען זעהער פֿרידליך און פֿריינדליך... זיי האָבען זיך פֿאַר קיינעם ניט געשעמט...

(סלמנדרא)

ענז ע עטלעכע וואָלען פלעגט די מאַראַם סלמנדראָ געבאָרען דרייסיג אייער און דרייסיג לעבעדיגע קינדער.

די קינדער ליגען ביי די מוטטער אין בויך צוזאַמען געקאָרצעט איינער אויף דעם אַנדערן, יעדער ליגט בעצויגען מיט זייער אַדינע הויט.

דעם שפּיטץ עק האלט ער פאַרדרייט אויף זיין קאָפּ, און אַז ער ברויך געבאָרען ווערען, רייסט ער אויף מיט זיין שפּיטץ עק די הייטעל אין וועלכע ער ליגט און געהט אַרויס.

ער האָט פיער פיס, און שווימט אין וואַססער הין און הער ווי די מוטטער בעת זי געבאָרט איהם.

דער קאָליער פון דעם יונגען סלמנדרא איז גרין ווי אַ זית (אָליפען־פרוכט) מיט דונקעלע פלעקען.

פיעל טאָג געדויערט עהרער ער בעקומט דעם קאָליער פון זיינע עלטערן.

די מוטטער געבאָרט איהרע קינדער דאָס רוב אין וואַססער, קאַלטע און לויפעדיגע, אַזוי ווי זי וואָלט וויסען אַז ער וועט דאַר־פען דאָרטען זיין איינינגע מאָנאַט, ביז ער וועט זיך גוט ענטוויק־לען, דערפאַר זוכט זי אַן אָרט אין אַזאַ וואַססער וואָס זאָל זיין ריין און ניט טרוקען ווערען.

ח.

עס טרעפט אַז די קינדער ליגען אין וואַססער ביז דעם חדש תשריי, נור דאָס רוב געהען זיי אַרויס פון וואַססער אין חדש אב, אָדער אין אָנפאַנג חדש אלול, זיי געהען וואָהנען אויף דער יבשה אויף די אָרטער וואו זייערע עלטערן וואָהנען.

די שאַרפע פליסיגקייט וואָס געהט אַרויס פון דעם סלמנדרא'ס הויט, בעשיצט איהם פון פיעל פיינדע.

ווען איינער נעהמט איהם אָן פאַר זיין נאַקען און קוועטצט איהם, וואַרפט ער זיינע שפּייעכץ זעהער ווייט,

באמת קאָן ער אַרויסלאָזען די פֿליסיגקייט פֿון זיין הויט ווי ער וויל, און דאָס טהוט ער אַלע מאָל ווען ער וויל זיך רעטען פֿון זיין פֿערפֿאָלגער.

די פֿליסיגקייט איז פֿאַר דעם מענשען קיין געפֿאַר, עס ווערט נור די ווייכע הויט ביי דעם מענשען ווי אַ בראַנד וואונד, און קליינע פֿאָגעל און פֿערשידענע קריכטהיערע פֿאַרליהרען דורכדעם זייער לעבען. ווי עס איז בעוואוסט פֿון די נייע ערפֿינ-דונגען, וואָס דער חכם „אביני" האָט אין אונזערע צייטען געמאַכט.

אין געפֿאַנגענים קאָן דער סלמנדר לעבען פֿיעל יאָהרען, ווען דער פֿאַנגער פֿאַרשטעהט ווי איהם גוט צו שפּייזען.

עס איז צו בעוואונדערן ווי די נאַטור-פֿאָרשער האָבען אַלם באַמערקט און פּרובירט, פּראַקטיצירט, זיי האָבען ניט געזאַלעוועט מיה, צייט און געלד נור צו ערפֿאַרען אַלס וואָס די נאַטור האָט בעשטימט.

אַ קלייניגקייט איז צו באַמערקען דאָס די זאַלץ וואָס מיר עסען, ווען דער ס׳מנדרא זאָל דערמיט באַשאָטען ווערען, פֿאַרליהרט ער באַלד זיין לעבען, דאָס איז פֿאַר איהם ווי גיפֿט, און אָהן דעם גיפֿט קאָן דער מענש ניט אויסקומען. ער געברויכט דאָס אין אַלע שפּייזען, און דאָס איז ידוע אַז אָהן זאַלץ האָבען פֿיל שפּייזען קיין געשמאַק ניט. דערפֿון זעהן מיר ווי ריכטיג די „וועלט" זאָגט: פֿאַר וועמען ווי ברויט און פֿאַר וועמען עס קומט דערפֿון דער טויט.

טו.

דער „שוואַרצער-מאָהרענסלמנדרא" איז אַ ביסעל קלענער פֿאַר זיין ערשטען ברודער.

ער וואָהנט אויף די אַלפּען-געבירגע, צווישען שטיינער, גראָז און הויכע בוימלעך.

(סלמנדרא)

ער איז פיל ווי זיין ברודער, געהט לאנגזאם, קוים וואס ער ריהרט זיך פון זיין ארט.

פון זיין וואהנונג געהט ער ארוים נור ווען עס רעגענט און די לופט איז פייכט.

זומער ווען עס ווערט שטארק ווארעם פארליהרט ער זיין מוטה און זיינע ביינער ווערען ווי פארברענט.

דער סלמנדרא איז אנדערש ערצויגען ווי זיין ברודער, פיהרט זיך אנדערש אין פיל געגענשטענדע.

די נקבה געבארט נור צוויי לעבעדיגע קינדער אמאל געהען זיי ארוים אויף דער וועלט מיט זייער קאפ, און אמאל מיט דעם עק פארויס.

וואס האבען די נאטור-פארשער שוין ניט פרובירט צו ער-פאהרען פיעל וואונדערליכע געהיימניס פון דער נאטור.

איינער א גרויסער נאטור-פארשער האט געוואלט זעהען ווי ליגט דער סלמנדרא ביי זיין מוטער אין בויך? ער האט בארעכנט ווען ער וועט איהר הרגנען קאן זיין אז דאס קינד וועט אויך בלייבען אהן לעבען, דערטרייגקען איהר אין וואסער איז אונמעגליך, איהר אויפהייגנען וועט דאס קינד אויך בלייבען טויט, און איהם האט זיך געוואלט זעהען אלעבעדיגעם קינד, איז ער געקומען אויף אזא פלאן ער וועט איהר ערטרייגקען אין שטארקע שפירט, און אזוי האט ער געטהון, ער האט איהר אריינגעלעגט אין א טיפע כלי און אויף איהר אנגעגאסען שטארקע שפירט, זי וואלט פיליכט פון כלי אנטלאפען נור זי האט ניט געקאנט ער האט די כלי צוגעדעקט.

עס האט לאנג ניט געדויערט איז זי געווארען טויט האט ער אויפגעשניטען די בויך און געפונען אלעבעדיגען סלמנדרא. ער האט געלעבט עטליכע וואכען.

דערפון איז דער נאטור-פארשער געקומען צו די איבערצייגונג דאס דער געבארענער סלמנדרא קאן לעבען אויפער דאס

וואַסער, איהם איז אַלס איינס וואַסער אָדער ערד, און באמת זעהען מיר ווען די סלמנדרא ווערט געפאַנגען, געבאָרט זי איהרע קינדער אין געפאַנגניס אָרט, נור זי ברויך האָבען פיעל וואַסער.

י.

עס איז מערקווירדיג צו באַמערקען דאָס די שוואַרצע סלמנדרא געבאָרט איהרע קינדער גאָר אַנדערש ווי אַלע איהרע קרובים פון איין משפחה.

די אייער ביי די שוואַרצע סלמנדרא ליגען אין בויך לאַנגער ווי ביי די פייער סלמנדרא, ווייל די קינדער וואָס ווערען בעשאַפען פון די אייער ווילען ניט אַרויסגעהען פון בויך ביז זיי ווערען פאָל־קאָמענע סלמנדרעס, זיי וואַרפען אַראָפ פון זיך די הויט אין וועלכע זיי ליגען פון אָנפאַנג בעשאַפונג.

זעהער זעלטען קאָן אַ מענש טרעפען פאַר דעם חדש אָב אַ שוואַנגערע סלמנדרא.

דער זכר מיט די נקבה קומען צוזאַמען אין דער צייט פון פריהלינג, אַמאָל פריהער און אַמאָל שפעטער ווי די לופט איז גוט דערצו...

דער אָרט וואו זיי באַהעפטען זיך איז אין דער הויך, וואו זיי רוהען אַמאָל דאָרטען.

די צוויי קינדער וואָס ליגען ביי די מוטער אין בויך אין די שאָלעכץ פון איי, זענען ביידע גלייך אין געוואוכס, אין כח, און דאָס רוב ווערען זיי אויף אַמאָל געבאָרען אין אַ צייט פון איין שטונדע, איינער נאָך דעם אַנדערן, און אַמאָל געדויערט נאָך וועניגער.

עס טרעפט אַמאָל אַז איינער ווערט געבאָרען, נאָכדעם געדויערט איניגע טאָג, אָדער איניגע וואָכען ווערט זיין ברודער געבאָרען.

די אורזאַכע דערפון איז ווי עס ווייזט אויס, אַזוי ווי פון

אַלע אֵייער וואָס בּײַ איהר איז פֿאַראַן אין בּויך. דאַרף נור צוויי קינדער געבּאָרען ווערען, טרעפֿט אַמאָל דאָס אֵיין אֵיי וואָס די נאַטור האָט בּעשטימט דאָס פֿון איהר זאָל געבּאָרען ווערען דאָס קינד, גראַדע דורך אַ צופֿאַל ווערט די אֵיי קאַילע, פֿאַרפֿוילט, עס קאָן פֿון איהר ניט געבּאָרען ווערען דאָס קינד, פֿאַלט דער גורל אויף אַן׳אַנדער אֵיי, דער ערשטער קינד איז שוין געבּאָרען, און דער צווייטער פֿאַנגט ערשט אָן זיך צו ענטוויקלען, דערפֿאַר געדויערט עטליכע וואָכען עהרער דאָס צווייטע קינד ווערט געבּאָרען.

ווען איהר בּויך זאָל אויפֿגעשניטען ווערען קאָן דער נאַטור־פֿאָרשער ערקענען דאָס אַלע אֵייער זענען פֿאַרבּריהט, עס דאַרף פֿון אַלע געבּאָרען ווערען קינדער און פֿון דעסטוועגען ווערען געבּאָרען נור צוויי, און דאָס איז ניט אַ צופֿאַל, נור אַלע מאָל די זעלבּיגע, וועלכער חכם קאָן זאָגען אַ מײַנונג וועגען דעם נאַטיר־ליכען פֿאַקט? איז דאָס ניט אַ געהײמניס פֿון דער נאַטור?!

אויסער די וואונדערליכע געבּורט איז דער סלמנדר אַקוראַד מיט זײַן נאַטור ווי זײַן בּרודער דער פֿײַער־סלמנדרא. קײַן אונ־טערשייד אין אַלע בּעציהונג.

יא.

אין צפֿון זײַט פֿון אַמעריקאַ רוהען זעהר פֿיל זאָרטען סלמנדרעס, יעדער מין האָט פֿערשידענע אֵייגענשאַפֿטען (מעלות) פֿון דעם צווייטען, אויסרעכענען אַלע דײַטליך איז ניט מעגליך, נור אֵיין מין ווילען מיר ערווינערן, ווײַל ער צייכענט זיך אויס וואונדערליך פֿון אַלע זײַנע קרובים, דערמיט וואָס ער רוהט אין דער ערד ווי אַכאַמעלעאָן, און ניט דוקא אין אַלאָך וואָס ער געפֿינט אַפּאַרטיגע אויסגעגראָבענע, ער אַליין האָט ליב אויסצוגראָבען אַלאָך אין דער ערד און ער קריכט דאָרטען אַרײַן

(סלמנדרא)

נור אַזוי ווי די לאַך איז ניט טיעף איז ניט שווער איהם צו פאַנגען.

זיין נאָמען איז מוללסלמנדר (Talpoidea).

זיין קאָרפּער איז דונקעלבּרוין און עס טרעפּט אַמאָל איז ער שוואַרץ. לאַנג איז ער דריי צאָהל.

עס איז פאַראַן אַמערקווירדיגער זאָרט וואָס ווערט אָנגערופען „וואַססערסלמנדער” אָדער „וואַססער מאָלכע”, (Tritones) ער צייכנט זיך אויס מיט זיין עק וואָס ער איז פלאַטציג ווי אַרודער און דאַדורך קאָן ער שווימען שנעל אין וואַססער.

אויף מאַנכען ציהט זיך ווי אַקאַם פון דעם עק ביז דעם רוקען.

די צוויי פאָדערשטע פים האָט יעדער פום פיער פינגער, און די הינטערשטע צוויי פים צו פינף פינגער אין אַפּוס.

אויף זיינע באַקען אינעווענינ זענען פאַראַן צאָהן, און די צאָהנער פון גוימען זענען געאָרדנעט אין צוויי צייַלען.

זיין צונג איז כמעט רונד און דיק, זיין הויט איז גלאַט אַמאָל מעהר און אַמאָל ווענינער.

זיין שטענדיגער וואָהנונג איז אין וואַססער. נור עס טרעפּט אָפּטמאָל אַצייט אַז ער געהט אַרוים פון וואַססער אויף דער יבשה.

פון טייך ערווייטערט ער זיך ניט, אויף דער יבשה פאַר־ברענגט ער ווענינ צייט, ער קעהרט באַלד צוריק אין טייך.

אויף דער יבשה געהט ער לאַנגזאַם, קוים טריט ביי טריט, עס געדויערט עהרער ער הייבט אויף אַפּוס, דערפאַר אַז ער איז אין טייך שווימט ער זעהער שנעל, ער שווימט אַרויף וואַססער, שעפּט לופט, אַטהעמט ווי פיל מעגליך איז און לאָזט זיך אַראָפּ טיעף צום גרונד.

מיט זיין עק וואָס איז ברייט פלאַטציג אויף די זייטען ווי אַרודער, שווימט ער אַהין און אַהער זייער שנעל, ער לאָזט זיך אַראָפּ ביז דעם גרונד פון טייך, דאָרטען זוכט ער שפּייז,

אין הערבסט צייט פערלאזט ער דעם טייך און ער געהט זוכען זיין שפייז אויף דער יבשה, ער מאכט פאר זיך אוואהנונג אונטער שטיינער, אדער אונטער ווארצלען פון בוימער, אז ער געפינט אפארטיגע הייל אדער אלאך וויל ער אהין ניט אריינקריכען, ער וויל דוקא אליין אויסגראבען זיין וואהנונג.

דער סלמנדרא וואהנט שטענדיג אין א טייך וואס די וואסער לויפט מיט אשטראם, ער בלייבט דארטען ווינטערן,

יב.

אין אנפאנג פריהלינג קריכען אלע סלמנדרעס ארויס פון זייערע לאכער און געהען דאס ערשטע זוכען שפייז פאר זיך.

אז דער סלמנדרא האט זיך זאט אנגעגעסען געהט ער אריין אין טייך און זוכט און געפינט זיין באשערטע... ער ווייזט איהר גרויס פריינדשאפט ער שווימט מיט איהר זייט ביי זייט, זי די כלה ווי עם ווייזט אויס פרעהט זיך שטארק מיט דעם חתן, זי אנטלויפט ניט פון איהם... ביידע שפרינגען אין וואסער, ביי זיי איז ששון ושמחה, אויף אגלייכוואָרטעל שמייסען זיי איינער דעם אנדערן מיט דעם עק, ווי פיש טהוען.

אין דעם מאמענט פון זיין געלוסטיגקייט... שטעלט זיך ביי איהם זיין קאם וואס ציהט זיך אויף זיין עק, ער שאקעלט איהם זעהר שטארק, ער לייגט צו זיין קאפף צו איהר קאפף און זיין עק הויבט ער ארויף אויף איהר עק נאכדעם אויף איהר זייט, דעם הינטערסטען טהייל פון זיין קארפער רוקט ער אפ פון איהר—.

נאכדעם לאזט ער ארויס פון זיך א מין געדיכטע פליסיגקייט.

דאס וואסער טרייבט די פליסיגקייט אריין אין איהר סוטטערטראכט... דערפון ווערען ביי איהר אין בויך געבארען אייער.

א ערך (אונגעפער) ענדע חדש ניסן, דאס איז עטלעכע וואכען „אחר־המעשה" דאס הייסט ווי זיי זענען געווען צוזאמען,

געגעבערט די נקבה איהרע אייער איינציגוויז, זיי זענען בעצויגען מיט א קלעפעדיגע פליסגקייט. די אייער געבארט זי אין וואססער צווישען די גראז און בלעטטער וואס וואכסען אין טייך.

יג.

פון דער צייט וואס די איי ווערט געבארען ביז די צייט וואס פון די איי ווערט געבארען געדויערט דרייצעהן טאג.

אז דאס קינד ווערט פאלקאמען פערטיג אין איי, צובריכט ער דעם שאלעכץ און געהט פון דארטען ארויס, ער זעהט דענסטמאל אויס אקוראד ווי א פיש און ער איז ווי צוגעקלעבט מיט זיינע דינע באקען צו אשפראצונג אין וואססער.

אין די פאזע בלייבט ער שטעהען אפאאר שטונדען אויב קיינער ערשרעקט איהם ניט, נאר אפטמאל רייסט ער זיך אפ פון בלאט און שווימט הין און הער ביז ער קלעבט זיך נאכאמאל צו איינע פון די בלעטער. ער בלייט שטעהען אויף איין ארט ווי דעם ערשטען מאל, און ער רייסט זיך אב אצווייטען מאל א. ז. וו.

אין יענער צייט האלט ער די אויגען אפען, די מויל איז ווענינ קאנטיג אז זי איז אפען.

אז זיינע אינערליכע גלידער פאנגען אן צו ווערען פאלקאמענער, גראססער, קרעפטיגער, דאן פאנגט ער אן צו פילען מעהר, און פיל מעהרער זיך צו באוועגען.

ער ערווייטערט זיך פון אזאך וואס קאן איהם טהון שלעכטעס, און קומט נאהנט צו אזעלכע זאכען וואס זענען גוט פאר איהם.

ער זוכט, געפינט און צורייסט קליינע קריכענדע טהיערע, ער שעמט זיך ניט צו עסען אקלענערן און אשוואכערן סלמנדרא, עס שמעקט איהם זייער גוט דער עק און די אדערן פון די באקען.

מיט דער צייט ווערען פאָלקאָמען זיינע פאָדערשטע פיס.

אז ער ווערט גרויס אַצאָהל, פאַנגען אָן צו שפּראָצען זיינע הינטערשטע פיס.

אין דריי מאָנאַט צייט נאָך זיין געבורטה בעקומט ער אַגעשטאַלט (אויסזעהען) ווי עס פאַסט פאַר איהם.

די אַלע געגענשטענדע וועלכע מיר האָבען ביז יעצט געשריבען איז געגרינדעט אויף די פאָרשונגען פון באַריהמטען נאַטורפאָרשער „רוסקאָני", ער האָט פיל וואַססערסלמנדערם געפאַנגען און האָט אַלס קלאָהר און דייטליך ערפאַהרען, פון זייער געבאָרען ווערען ביז זיי געהען אין זייער רוהה אריין, און ווי זיי באַהעפטען זיך איינער מיט דעם אַנדערע און זאָ ווייטער.

יד.

אין פריהלינג איין מאָל אין אַכט טאָג וועכסעלט דער וואַססער־סלמנדרא זיין הויט פון קאָרפּער.

נאָך זיין באַהעפטען זיך מיט זיין פרוי, געדויערט דער וועכסלינג פון זיין הויט אַביסעל לאַנגער.

עהדער ער וועכסעלט זיין הויט געהט ער לאַנגזאַם ער האָט קיין מוהט.

די הויט בעפאָר זי דאַרף געוועכסעלט ווערען איז זי דונקעל, די ריכטיגע נאַטירליכע פאַרב געהט אַוועק פון איהם.

אז עס קומט די צייט פון הויט־וועכסעל רייסט ער אַראָפּ די הויט פון זיין חבר און דער חבר פון איהם, זיי העלפען זיך ביידע. מיט די פאָדערשטע פיס שלעפּט איינער אַראָפּ די הויט ביי דעם צווייטען, ער פאַנגט אָן פון די באַקען, און ער ציהט אַראָפּ די הויט צום ערשטען פון קאָפּ ביז די ליפּפּען.

אין יענע זעקונדע קאָרצעט ער זיך און קרימט זיך, און וואַרפט זיין קאָרפּער זעהר שטאַרק פון אַלע זייטען רעכטס און לינקס.

זײַן קאָפּ שטעקט ער אַרױס פֿון װאַססער, אַזױ װי ער װאָלט װעלען האַפּען פֿרישע לופֿט אין פֿאַרקאָרצעטע הױט, און װאָס װײַטער פֿאַרקריכט ער זײַן קערפּער מעהר און מיט זײַנע פֿאָדערשטע פֿיס נעהמט ער אָן די הױט און שלעפּט אַראָפּ לאַנגזאַם בּיסלעכװײַס.

די צײַט פֿון אַרבּײַטען די הױט געדױערט אַמאָל אַ שעה (שטונדע) און אַמאָל צװײ שטונדען, און עס טרעפֿט דאָס עס געדױערט דרײַ שטונדען, דאָס מאַכט זעהר שלאַף די קרעפֿטען פֿון דעם סלמנדרא.

װי דער חבר ציהט איהם אַראָפּ די הױט פֿאַרשלינגט ער דאָס אין גאַנצען.

ער קאָן די הױט אָבער ניט פֿאַרדױען, עס געהט דורך זײַן מאָגען אַרױס צוריק דורכן הינטען.

עס טרעפֿט אַז אַשטיק געהט צוריק אַרױס, ער קאָן אין גאַנצען ניט אַרױסלאָזען בלײַבּט בײַ איהם הײַנגען אַשטיק, שלעפּט ער דאָס מיט זײַן מױל און פֿיס דערצו מוז איהם זײַן חבר באַהילפֿיג זײַן, ער מוז איהם העלפֿען אַרױסשלעפּען די גאַנצע הױט צוריק, אַלײן קאָן ער דאָס ניט טהון.

פֿיל מענשען װאָס האָבען דאָס געזעהן, האָבען זײ געהאַט אַטעות זײ האָבען געגלױבּט: דאָס דער סלמנדראָ װעקסעלט אום זײַן הױט אינערליך װי אױסערליך, זײ האָבען ניט געװאוסט אַז דאָס איז די אױבּערשטע הױט װאָס ער קאָן ניט פֿאַרדױען.

די הױט ציהט זיך אַראָפּ פֿון איהם װי אײנער טהוט אױס אַהעמד. די אינעװעניגסטע זײַט אױף אױסװעניג, און די אױסװע־ניגסטע—אינעװעניג.

די הױט איז גאַנץ, דער נאַטורפֿאָרשער ערקאָנט זאָגאַר אױף װעלכען אָרט עס זענען געװען די פֿינגער נור אױף דעם אָרט װאו עס זענען געװען די אױגען בלײַבּט אין הױט צװײ לאָכער.

(סלמנדרא)

טו.

די נאַטורפאָרשער האָבען געמאַכט זײַערע פּראָבעס אויף די וואַססער־סלמנדרא, די נאַטורפאָרשער האָבען געוואָלט וויסען ווי גרויס די קראַפט איז פון די וואַססער־סלמנדרא. און זײַערע מערקווירדיגע איבערנאַטירליכע איינגעשאַפטען, ווען איינער שנײַדט זײַ אָפּ אַגליד, וואַכסט דער גליד אָפּ צוריק, זײַ האָבען אַסלמנדרא אָפּגעשניטען זײַנע פיס, זײַן עק, אויסגעשטאָכען זײַנע אויגען, באַלד האָט דאָס אַלס צוריק אָפּגעוואַכסען, עס איז ניט געווען קאָנטיג אַז פריהר זענען זײַ אָפּגעשניטען געוואָרען.

דער מענ׳ש מאַכט נאָך די נאַטור, ער שנײַדט אָפּ איינעם אַנאָז, געוויינליך דאַרף דער אָפּעראַטער זעהער לאַנג שטודירען אויף דעם, און מאַכט איהם אַנײַעם נאָז, נור ווי זעהט אויס דער נאָז? עס עקעלט אַקוק צו געבען אויף איהם. אָדער צ. ב. דער גרויסער דאָקטאָר מאַכט צו בײַ אַמענשען אַפּאָאָר אויגען, עס איז אפילו קינסטליך געמאַכט, עס איז שוועהר צו ערקאָנען פון נאַטירליכע אויגען. אָבער וואָס פאַר נוטצען האָט דער מענש דערפון? ער קאָן זײַ ניט באַוועגען, ניט זעהען.

ניט אַזוי איז די וואהרע נאַטור, ווען זי מאַכט, איז געמאַכט, דער סלמנדרא זעהט מיט זײַנע צווײַטע אָפּגעוואַכסענע אויגען אַקוראַד ווי ער האָט געזעהען דאָס ערשטע מאָל, ער באַוועגט זײַן עק ווי פריהר, ער געהט מיט זײַנע פיס ווי ער איז פריהר געגאַנגען, אָהן אַ אונטערשײַד...

נאָך אַמערקווירדיגען איבערנאַטירליכען פאַקט זעהען מיר בײַ די סלמנדרא. נאַמליך: אַמענש זאָל פאַרבראָהרען ווערען, און שטאַרבען, ווערט ער מעהר ניט לעבעדיג ווערען, עס זאָלען צוזאַמענקומען כל חכמי מזרח ומעריב וועלען זײַ אַנ׳אמתן פאַרפראָרע־נעם מענשען ניט לעבעדיג מאַכען, ניט אַזוי איז דער סלמנדרא, ווינטער אין אַגרויסען פראָסט ווערט ער פאַרפראָרען ער ליגט

ווי אַטויטער קאָרפּער, נור ווי דער איז צערשמעלט פון איהם, חאַפּט ער זיך אויף לעבעדיג.

טז.

דער נאַטורפאָרשער „שפּאַללאַנצאַני“ האָט אין דריי מאָנאַטען צייט אויסגעשניטען ביי פילערליי סלמנדרים זעכס הונדערט מיט זיבען און אַכציג ביינער, און זיי זענען אָפּגעוואַכסען צוריק ווי געוועזען.

דער נאַטורפאָרשער „בלומענבאַך“ האָט ביי אַסלמנדרא אויסגעשניטען פיער טהייל פון זיין אויג, אין אַצייט פון צעהן חדשים איז די אויג געזונד געוואָרען ווי געוועזען.

דער נאַטורפאָרשער „ערבער“ ערצעהלט אין זיין בוך וואונדערליכע איבערנאַטירליכע ספּורים וועגען דעם תּאַססערסלמנדרא ווי שטאַרק זיין לעבען איז.

ביי דעם נאַטורפאָרשער אין שטוב איז געוועזען אַ דערערווירטער נאַטטער (Аспидъ), דער שלאַנג פלעגט ארום קריכען אין אלע צימערן, אויך אין קיך, ער האָט קיינעם קיין שלעכטעס געטהון, אין געגענטהייל ער איז געוועזען אַלעמען אַגוטער פריינד, ער האָט קיין זאַך אין שטוב געצעפּעט, ניט דעם הונד ניט די קאַטץ, ניט די טויבען, נור דער סלמנדרא האָט ער שרעקליך פיינד געהאַט.

אַמאָל איז דער סלמנדרא ארויסגעגאַנגען פון זיין שטייג וואו ער איז געזעסען פאַרבאָרגען פון דעם שונא זיינעם, ער האָט ניט באַמערקט דאָס דער שלאַנג האָט זיך בעהאַלטען אונטערען בעט און האָט געלויערט אויף איהם.

ווי ער איז אָבגעגאַנגען פון זיין שטייג, איז דער שלאַנג אויף איהם געפאַלען און האָט איהם לעבעדיגערהייט איינגעשלונגען.

ווי עס ווייזט אויס איז דער סלמנדרא געוועזען אצוהאַרטער ביסען פאַר איהם, ער האָט איהם ניט געקאָנט פאַרדויען, איז ער אַריינגעקראָכען אין קיך אונטער אַגרויסען קאַססטען און האָט איהם צווישען וואַנד און קאַסטען אויסגעטייקעט (אויסגעבראָכען),

(סלאַמַנדרא)

דער נאַטור־פֿאָרשער איז געקומען צו הויז האָט ער ניט געפֿונען דעם סלמנדראָ האָט איהם דאָס זייער לייד געטהון. ער האָט איהם געזוכט אין אלע חדרים פֿילייכט איז ער ערגעץ וואו פֿארקראָכען, אז דער שלאַנג האָט איהם פֿארשלונגען און אויסגעשפּייקעט, אויף דעם איז איהם אויף ז נ׳ געדאנקען ניט געקומען.

אין אַמאָנאַט ארום האָבען זיינע מענשען אָבגערוקט דעם קאַסטען פֿון וואַנד, האָבען זיי געפֿונען דעם סלמנדרא ליגט טויט, פֿאַרדאַרט, הויט און ביינער און אַפֿוס פֿעהלט ביי איהם. עס קאָן זיין אַז דער שלאַנג האָט איהם דעם פֿוס אָבגעביסען.

דער נאַטור־פֿאָרשער האָט איהם גענומען און אַוועקגעלעגט אויף אַבלומענטאָפּ, באַגאָסען איהם מיט וואַססער, האָט דער סלמנדאר אָפּגעלעבט ווי געוועזען, ער האָט זיך געשטעלט אויף זיינע דריי פֿיס, די פֿיערטע האָט געפֿעהלט.

דער נאַטור־פֿאָרשער „ערבער" האָט איהם אין אַכלי פֿול מיט פֿרישע וואַססער אריינגעלעגט און האָט איהם געשפּייזט מיט ווערעם, עס האָט לאַנג ניט געדויערט איז דער סלמנדרא געוואָרען געזונד ווי געוועזען.

אין דריי וואָכען אַרום האָט דער נאַטור־פֿאָרשער באַמערקט דאָס אויף דעם אָרט וואו די פֿוס פֿעהלט איז געוואָרען אַשפּיציגע זאַך ווי אַקליינע נאָדעל.

אין פֿיער חדשים שפּעטער איז אויסגעוואַכסען אַנייע פֿוס ווי פֿריהר.

פֿון דעםסטמאָל אָן און ווייטער האָט דער סלמנדרא געלעבט אין די גלאָזערנע כלי וואָס זי איז געשטאַנען ביי דעם פֿענסטער ער איז געוועזען פֿרעהליך לוסטיג. לעבדיג, זיינע ברויט (שפּייז) האָט ער געהאַט צו זאַט, פֿרישע וואַססער האָט איהם ניט געפֿעהלט, ער האָט אויף קיין זאַך ניט געברויכט דאגה׳ן, ער איז געוועזען צופֿרידען מיט זיין לעבען.

אַזוי ווי ביי דעם מענשען אַזוי איז ביי אַלע לעבדיגע

באַשאַפֿניס, דער גליקליכער לעבען און די צופֿרידענהייט עקסעסטירט ניט עוויג, עס מאַכט זיך אונערוואַרטעטע צרות, יסורים, פֿאַרדרוס, אונגליקען, שלעכטע צייטען, אַמאָל דורך אַשלעכטען מענשען, און אַמאָל דורך אַשלעכטע צייט, אַמאָל דורך ניט פֿאָרזיכטיגקייט, יענער פֿאַרהיט ניט דעם אונגליק.

מיט דעם סלמנדרא האַט אויך געטראָפֿען אַמין צופֿאַל, די גלאָזערנע כלי וואָס איז געשטאַנען ביי דעם פֿענסטער איז ווינטערצייט אין אגרויסען פֿראָסט פֿאַרפֿראָרען געוואָרען מיט דעם סלמנדרא צוזאַמען.

דער נאַטור־פֿאָרשער ערבער האָט גענומען די כלי מיט דעם סלמנדרא און האָט אַוועקגעשטעלט אין קיך ביי אַפּליטע עס זאָל די אייז פֿונאַנדער שמעלצען, עס זאָל ווערען וואַסער ווי געוועזען.

ער האָט אָבער פֿאַרגעסען צו צונעהמען די כלי פֿון דעם פֿייער, דאָס וואַסער איז געוואָרען זעהר שטאַרק הייס, דער סלמנדרא האָט שטאַרק געוואָלט אַנטלויפֿען פֿון די הייסע זודיגע וואַסער, דען ער האָט פֿון דאָס ניי אָפּגעלעבט.

דער נאַטור־פֿאָרשער האָט דאָס וואַסער אומגעביטען אויף פֿרישע קאַלטע וואַסער.

נאָך די אַלע אונגליקען וואָס האָט דעם סלמנדרא געטראָפֿען האָט ער פֿונגרעסטוועגען געלעבט נאָך אַיאָהר.

יז.

ביז אהער האָבען מיר געהערט פֿון דעם גאַנץ איינפֿאַכען וואַסער־סלמנדאר אין אַלגעמיין יעצט וועלען מיר רעדען פֿון עטליכע מינים בעוואוסטע וואָס זענען גלייך כמעט אין אַלע געגענ־שטענדע וואָס געפֿינען זיך ביי אַנדערע סלמנדרש.

עס איז פֿאַראַן אַ זאָרט וואָס ווערט גערופֿען מיט דעם נאָמען „גרויסער־וואַסער־סלמנדרא“ אָדער „קאַמאַלך“.

צווישען אלע זיינע ברידער און קרובים וואס רוהען אין די אייראפייאישע טייכען, איז ער דער גראסטער.

ער איז לאנג זעכס צאהל, דער קאליר פון זיין קארפער איז דונקעל ברוין, פון אויבען מיט ווייסע פינטלעך און דערביי מיט שווארצע פלעקען, און פון אונטען זעהט ער אוים רויט מיט דונקעלע פלעקען.

ביי דעם זכר אויף דעם רוקען ציהט זיך ווי א קאם פון הויט א ביסעלע האכער ווי דער רוקען, דאס ציהט זיך ביז ענדע רוקען נאכדעם נעהט עס א ביסעל נידריגער, און אויף דעם עק ווערט עס נאך א מאל האכער.

מיר האבען שוין געשריבען: „דאס נאכדעם ווי ער קומט צוזאמען מיט זיין פרוי בייט זיך ביי איהם די הויט", עס איז צו בעוואונדערן דאס נאכדעם ווערט דער קאם א ביסעל נידריגער, אזוי נידריג אז ער זעהט אוים ווי זיין פרוי'ס קאם.

ער עסט ווארם און גארטען־שנעקע, אויך יונגע פרעש (זאבעס) און קליינע פישלעך.

אז ער איז הונגעריג און בעקומט קיין שפייז האפט ער אנ'איינעם ברודער — אויב יענער איז קלענער און שוואכער, — און פערצעהרט איהם.

ער האט א ברודער וואס זיין נאמען איז „פונקטירטער־קלייגער־וואססער־סלמנדרא".

ער האלט די לאנג נור דריי צאהל, זיין הויט איז גלאט אהן בראדעווקעס.

זיין קאליר איז דונקעל־ברוין פון אויבען און באלד פון אונטען מיט שווארצע פינטלעך.

זיין קאם איז מיט צאהנער אהן שפיצען. אין א צרה, שרייט ער ווי הויך ער קאן.

יח.

דער „פייער־טאלך" האט א קארפער איז ער פון אויבען ברוין

מיט שוואַרצע פלעקען, און אונטען איז ער רויט ווי פייער.

דער קאַם ביי דעם זכר איז זעהער קליין, גאָלד קאָליר מיט שוואַרצע פלעקען.

זיין לאַנג איז פיער מיט אַ האַלבען צאָהל.

פון די וואַסער-סלמנדראַ'ס קאָנען מיר ערריגערן דעם „ריפּענ-מאָלך“ Pleûrodeles Waltelü דער רייזענדער „וואַלטל“, וואָס אויף זיין נאָמען רופען די נאַטור-פאָרשער דעם סלמנדרא, ווייל ער האָט איהם געפונען אין די טיעפע ברונענס אין שפניא, ער געפינט זיך נור דאָרטען און אין קיין אַנדער לאַנד קומט ער ניט.

ער צייכענט זיך אויס מיט אַ צייכען וואָס ביי אַנדערע סלמנדרס איז דאָס ניטאָ, נאָמליך: פון צוועלף ביז פיערצען שפּיטצען געהען ביי איהם אַרויס אויף די זייטען.

עס איז צו בעוואונדערן די נאַטור, אָט ווי עס טרעפט אַמאָל אַז זי איז אונערבאַרמליך, זי מאַכט קראַנק, זי טאָטעט, זי גיבט יסורים, אַזוי ווידער איז זי מילד, באַרטהערציג, זי האָט יעדער באַשאָפּניס איינגעטהיילט זיין געוועהר מיט וואָס זיך צו פאַרטיידיגען פון זיין שונא וואָס וויל איהם טהון שלעכטעס און מיט די זעלביגע געוועהר זאָל ער זיך שפּייזען, ערנעהרען, זאָטיגען, און האָבען קראַפט און מאַכט צו געבאָרען קינדער כדי דער „מין“ זאָל ניט פאַרניכטעט ווערען. איינעם האָט די נאַטור געגעבען שאַרפע צאָהנער, איינעם—שפּיטציגע נאָגעל, איינעם — הערנער א. ז. וו.

דעם ריפּפענ-מאָלך האָט די נאַטור איינגעטהיילט שפּיטצען אויף זיין רוקען. זיי שטעכען ווי די שפּיטציגע נאָדלען, דערמיט האַלט ער מלחמה געגען זיין שונא, און דאָס האַלט אָפּ אַז זיין פיינד, הגם ער איז גראָסער פאַר איהם זאָל ניט קאָנען איהם פאַרשלינגען, די שפּיטצען וועלען יענעם פיינד שטעכען אין גוימען.

יט.

עס איז פאַראַן אַ זאָרט סלמנדרא וואָס ווערט

(סלמנדרא)

Ambystoma Axolotl. ,„וואסער־שפּיעל״ ,„אַקסאָלאַטל״ גערופֿען

דער נאַטען זיינער ווייזט ווי העסליך ער איז, ווער עס גיט אויף איהם אַ קוק, ווערט יענעם ניט גוט.

דער פֿאַרצייטיגער שרייבער „הערנאַנדעץ״ וואָס האָט געלעבט אין זעכצעהנטען יאָהר־הונדערט, שרייבט וועגען דעם אַקסאָלאָטל דיזע וואָרטען:

ביי דער שטאָדט מעקסיקאַ אין אַמעריקאַ איז פֿאַראַן אַ מין פֿיש וואָס זעהט אויס ווי אַ עקסע, זיין הויט איז ווייך, ער האָט פֿיער פֿיס, זיין לאַנג איז אַ שפאַן, זיין ברייט (דיק) אַ צאָהל, די דאָרטיגע איינוואָהנער רופֿען זיין נאָמען אַקסאָלאָטל.

זיין קאָפּ איז גרויס, זיין קוליער איז שוואַרץ מיט דונקעל ברוינע פֿלעקען.

זיין פֿלייש איז זיס, געשמאַק צו עססען, אין די רייכסטע הייזער ווערט ער געקויפֿט און זיי מאַכען פֿון איהם פֿערשידענע שפייזען, אַנדערע קאָכען איהם מיט קאַרטאָפֿעל, זיי לעגען איהם אַריין אין אַ טאָפּ וואַסער ניט צושניטען, נור לעבעדיגערהייט און קאָכען איהם אַזוי לאַנג ביז ער ווערט פֿאַרטיג צום עסען.

עס איז צו באַמערקען ווי לאַנג דאָס וואַסער איז ניט זודיג עסט ער די קאַרטאָפֿעל, נאָכדעם אַז דער וואַסער ווערט הייס, קאָכעדיג, שפרינגט ער פֿון וואַסער אין דער הויך און פֿאַלט אַראָפּ צוריק מיט'ן קאָפּ, אַזוי טהוט ער עטליכע מאָל ביז ער בלייבט אָהן קרעפֿטען, ער קאָרצעט זיך איין צוזאַמען, דעם עק בייסט ער איין אין מויל, און דרייט זיך אין וואַסער ביז ער פֿאַרליהרט זיין לעבען.

אַנדערע בראָטען איהם אויף אַ פֿאַן מיט בוטער, זיי שניידען איהם אָפּ דעם קאָפּ מיט די פיס מיט דעם עק, נאָכדעם אָפּנען זיי איהם די בויך, נעהמען אַרויס די אינגערליכע, וואַשען מיט קאַלטע וואַסער און פרעגלען דאָס אויף אַ סקאַוועראָדע.

אַזוי ווי אַנ׳אָפּס האָט יעדער טהייל פֿלייש אַנאַנדער געשמאַק,

צ. ב. די קאָפּפּלײַיש האָט ניט דעם געשמאַק פֿון די פּרוסט־פֿלײַש, די פֿיס האָבען אַנאַנדערע טעם, די לונג, לעבער, קישקעס, א. ז. וו.

אַזוי אִיז דער „אקסאָלאָטל" צוטהײלט אויף פֿערשידענע חלקים, יעדער חלק האָט אַנאַנדערע געשמאַק, דער עק איז בײַ זײ דער געשמאַקסטער ביסען, נאָכדעם רעכנען זײ דעם רוקען, די בויך, דעם קאָפּ.

דער לעצטער חלק קאָפּ איז די זעלביגע ווי בײַ אַניאָכּס, צום עסען איז ער דער ערגסטער חלק.

ב.

פיל יאָהרען האָבען מענשען געהאַט פֿון דעם זאָרט גרויס הנאה. אַנדערע האָבען איהם געגעסען און אַנדערע האָבען איהם געהאַלטען אַלס פֿערגניגען זײ פֿלעגען איהם אַרײַנלעגען אין אַגרויסע גלאָזערנע כלי אָנגיסען העלפֿט מיט פֿרישע וואַססער און דאָס שטעלען אויף דעם פֿענסטער, כּדי די פֿאַרבײַגעהענדע זאָלען אויך האָבען פֿערגניגען צו זעהען אַזאַ משונה'דיגע באַשאָפֿניש.

ווען זײ וואָלטען די כלי אָנגיסען פֿול, וואָלט דער סלמנדרא אַנטלאָפֿען פֿון דאָרט, אָבער ווען דאָס וואַססער איז נור ביז ד העלפֿט קאָן ער פֿון דאָרט ניט אַנטלויפֿען.

ווי עס ווײַזט אױס ליבּט דער סלמנדרא די פֿרײַהײַט, ער איז אונצופֿרידען מיט דעם שמאָלען ענגען אָרט אין גלאָזערנע כלי, די נאַטור־פֿאָרשער האָבען בעווײַזע דאַרויף זײ האָבען געפּרובירט אַרײַנלאָזען אין אַגרויסע כלי אזכר מיט אנקבה, האָבען זײ באַמערקט אַז אײנער פֿון די אַנדערע אַנטלויפֿען, אַז ער איז אויף דעם וואַססער, ליגט זי אונטען צום דעק, און אַז זי לאָזט זיך אַראָפּ צום דעק שווימט ער אַרויף אויבען.

נור דאָס האָבען די נאַטור־פֿאָרשער ניט געקאָנט ריכטיג ערקלעהרען צו זי אַנטלויפֿט פֿון איהם אָדער ער פֿון איהר.

דער נאַטור־פֿאָרשער „היידעלהיים" האָט אַזאַ פּאָר געהאַלטען

דריי יאָהר נאָך אַנאַנד אין אַגלאָזערנע כלי און ער האָט ניט באַמערקט דאָס זיי זאָלען האָבען קינדער. עס קאָן זעהער מעגליך זיין אַז זיי זענען אין פּאַרדרוס פון דעם וואָס זיי זענען געפאַנגען ליגט זיי ניט אין קאָפּ צו האָבען פערגניגען.

דער גרויסער נאַטור-פאָרשער „יאָהאַלעמזאָהן“ האָט געזאָגט אין זיין ספר איבער די פערשידענע סלמנדראָם. ווען „היידעלהיים“ וואָלט די פּאָאָר געהאַלטען צוזאַמען אין אַגראָסערע כלי און אַלאַנגערע צייט, וואָלטען זיי געוויס געבאָרען קינדער, נור ווייל די כלי איז געוועזען ענג פאַר זיי, דערפאַר האָבען זיי ניט געהאַט די גוטע געלעגענהייט צו האָבען קינדער.

כא.

אַלאַנגע צייט זענען געוועזען די „אַקסאָלאָטל“ פערשוואונדען פון די מענשען, זיי זענען פאַרפאַלען געוואָרען, עס איז ניט געוועזען צו זעהען נירגענד וואו קיין איינציגען.

ענדע פאָריגען יאָהר הונדערט האָבען זיי זיך באַוויזען אין ענגלאַנד.

די נאַטור-פאָרשער האָבען זיך מיט די געסט געפרייט נור זיי האָבען ניט געקאָנט ערקלעהרען וואו זענען זיי די גאַנץ לאַנגע צייט געוועזען און פון וועלכען אָרט זיי קומען, און די אורזאַכע וואָס זיי האָט געבראַכט דערצו אַז זיי זאָלען קומען אין ענגלאַנד.

דער גרויסער באַריהמטער רייזענדער „הומבאָלדר“ איז געקומען אין מעקסיקא, ער האָט דאָרט בעקומען צו קויפען אַפּאָר „וואַססער-שפּיל“ און ער האָט זיי געשיקט אַפריזענט זיין גוטען פריינד דעם נאַטור-פאָרשער „קופּיע“, דער קופּיע האָט זיי אַריינגעלאָזען אין אַגרויסען גלאָזערנעם קאַסטען וואו זיי זאָלען קאָנען שווימען בעקוועם זייער געשטאַלט האָט אויסגעזעהען ווי יונגע וואַססערסלמנדראָס, די אָרגען אויף זייערע באַקען זענען געוועזען צו ערקאָנען.

אויף זייערע רוקען און אויף דעם עק וואָס זענען געוועזען פּלאַטציג האָט זיך געצויגען אַקליינע קאַם.

(סלמנדרא)

אין זייערע פאָדערשטע פיס איז געווען אין יעדער פום פיער פינגער. און אין די לעצטע צוויי פיס איז געווען אין יעדער פום פינף פינגער.

אלע פון דעם זאָרט וואָס זענען געבראַכט געוואָרען אין אירופּאַ, האָבען אויסגעזעהען ווי די צוויי וואָס הומבאָלדט האָט געשיקט פון מעקסיקאַ.

פיל חכמים האָבען געגלויבט דאָס די אַקסאָלאָטל בלייבען ביי דעם געשטאַלט אויף זייער גאַנצען לעבען, אַלע מאָל וועלען זיך די אָדערען אויף די באַקען פון אויסוועניג אַרויסזעהען, אַזוי ווי עס זעהט זיך אַרוים ביי מאַנכע פיש אויף זייער גאַנצען לעבען. און זייער געשטאַלט וועט זיך קיין מאָל ניט ענדערן, זיי וועלען אַזוי אויסזעהען ביז דעם טויט.

ביי די אידעע זענען די חכמים געווען ביז דעם יאָהר 1865 אין יענעם יאָהר איז געשיקט געוואָרען נאָך פּאַריז פינף זכרים און איין נקבה פון דעם זאָרט, אַקסאָלאָטל, אין יענעם יאָהר ווי זיי זענען געקומען אין פּאַריז האָט די נקבה געבאָרען קינדער.

די נאַטורפאָרשער האָבען גוט באַמערקט דאָס אין מאָנאַט אלול האָט איינער פון די פינף זכרים אומגעוועכסעלט זיין געשטאַלט, די אָדערען אויף די באַקען און דעם קאַם אויף דעם רוקען און אויף דעם עק איז מעהר ניט געזעהן געוואָרען.

נאָך איהם האָט דער צווייטער, דריטער, פיערטער, פינפטער זכר אומגעוועכסעלט זיין געשטאַלט, אַלע האָבען בעקומען אַפּנים אַגאַנץ נייעם, עס איז זיי ניט געווען צו ערקענען פון די אַלטערע סלמנדראס וואָס זענען געווען דאָרטען פון אַלאַנגע צייט.

פון דענסטמאָל אָן האָבען די נאַטור-פאָרשער אָפּגעשייד דעם אַקסאָלאָטל פון די משפחה „קימענ-מאָלכע“ און זיי האָבען איהם צוגעשריבען צו די „וואַסער-סלמנדרא“ וואָס ער איז ענהליך צו זיי, דער אונטערשייד איז נור; זיינע צאָהנער וואָס

ציִהען זיך אויף זײַן גומען ווי צוויי קרומע צײַלען, ניט אזוי ווי בײַ זײַן נײַע צוגעשריבענע פֿאמיליע.

די צוויי אקסאלאטל וואס הומבאלד האט געשיקט זײַן גוטען פֿרײַנד „קופּיע" זענען געלעגען רוהיג אין גלאזערנעם קאסטען ער האט זיי געשפּײַזט מיט אזעלכע שפּײַז וואס זיי האבען ליעב.

אמאל האט דער נאטור־פֿארשער באמערקט דאס זי קריכט אויף איהם ארויף און וויל ארויסשפּרינגען פֿון קאסטען וואסער.

דער נאטור־פֿארשער האט אין אנפֿאנג געוואלט אפּגיסען דאס וואסער פֿון קאסטען, נור נאכדעם האט ער באראכנט אז זיי וועט פֿעהלען וואסער וועלען זיי ניט האבען אנ׳ארט וואו צו שווי־מען האט ער בעסער איבערגעביעטען אויף א טיעפֿערן קאסטען.

ער פֿלעגט זיי שטענדיג נאכקוקען זעהן וואס טהוען זיי די גאנצע צײַט ער האט אמאל באמערקט דאס זיי לעבען זייער פֿרײַנדליך... עס האט לאנג ניט געדויערט, זענען געבארען גע־וואָרען קליינע קינדערלעך.

ער איז געווארען דערפֿון אזוי ענטציקט אז ער האט אגעשריי געגעבען צו זײַן פֿרוי: „מזל טוב! מזל טוב!" מיר האבען נײַע געסט, אנגענעהמע, פֿראהליכע געסט, גיב זיי הײַנט מיט אפּארטציאן מעהר ווי אלע טאג.

פֿיל מאנאטען האבען די אלטע פּאר געלעבט צוזאמען מיט די קינדער, נאכדעם זענען זיי ביידע אויף אמאל קראנק געווארען און האבען געלאזען זייערע קינדער ירושה דעם גלאזערנעם קאסטען מיט דעם וואסער! —

ע נ ד ע